# פרשת וישב י"ז - כ"ג כסלו תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישב***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד זאלישא שליט"א** שישב שבעה על פטירת אשתו הרבנית ע"ה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והגיע לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **מאיר יהודא קאלמאן** הי"ו.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **פנחס** ני"ו בן הר"ר **ברוך מרדכי רייך** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים בנציון פריעדלענדער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בת הר"ר **אברהם יהודא האפפמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב קליין** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדתו הכלה תחי', עב"ג הרב **משה יעקב פינטער** שליט"א, שהתקיימה במיוחד לבני המשפחה באולם תשב"ר.

בסעודת השבע ברכות נשמעו דברים מאת **רבינו שליט"א, הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א, חדב"ן הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** אב"ד טארניגראד, נכד **רבינו שליט"א** הבחור **אברהם דוד** כ"ץ ני"ו (בן הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א). כמו כן השתתף מחותנו **כ"ק האדמו"ר** מוויזניץ **שליט"א**, שרקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. בסיום השבע ברכות נשמעו דברי בדחנות מאת הרב **יעקב מיללער** שליט"א מיארמע.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מען** האט זיך געשטעלט שבת אויף דעם וואס יעקב אבינו האט געזאגט, נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט אים געוויזן די מראה פונעם סולם, און ער האט אים צוגעזאגט, אז ער וועט זיין מיט אים די גאנצע צייט. האט יעקב אבינו געזאגט, אם יהיה אלקים עמדי, אויב דער אייבערשטער וועט זיין מיט מיר, ושמרני בדרך הזה אשר אנכי הולך, און ער וועט מיך אפהיטן אין דעם וועג וואו איך גיי, ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש, איך וועל האבן פרנסה, ושבתי בשלום אל בית אבי, איך גיי דאך יעצט אוועק צו לבן, איך וועל אהיים קומען בשלום צו מיין טאטען אין שטוב, והיה ה' לי לאלקים, און דער אייבערשטער וועט זיין פאר מיר פאר א גאט, דעמאלטס והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלקים, וכל אשר תתן לי, עשר אעשרנו לך (בראשית כח-כ).

**רש"י** זאגט, די אלע תנאים פארשטייט מען. אם יהיה אלקים עמדי, ושמרני בדרך הזה, ונתן לי לחם לאכול, ושבתי בשלום, שלום מן החטא טייטשט רש"י. אבער וואס איז די תפלה וואס ער האט געבעטן, והיה ה' לי לאלקים? זאגט רש"י, שיחול שמו עלי, עס זאל חל זיין אויף מיר דער נאמען פונעם אייבערשטען, מתחלה ועד סוף, פון מיין ערשטן קינד ביז מיין לעצטן קינד, שלא ימצא פסול בזרעי, עס זאל נישט זיין קיין פסול אין די קינדער, זיי זאלן זיין ערליך. אין פסוק איז נישט דא קיין שום רמז אז מען רעדט דא פון קינדער. עס שטייט נאר והיה ה' לי לאלקים, דער אייבערשטער זאל זיין פאר מיר פאר א גאט. און מען שטעלט אריין דערין, אז דאס איז א תפלה, וואס ער האט מתפלל געווען שלא ימצא פסול בזרעי.

**איך** האב געטראכט, די גמרא (סוטה יז.) זאגט דאך, איש ואשה שזכו, שכינה שרויה ביניהם. אז מען איז זוכה, איז ביי א ערליכע יודישע שטוב דא א השראת השכינה. אין דעם 'איש' איז דא א יו"ד, אין 'אשה' איז דא א ה"א, דאס איז די שכינה וואס רוהט אין א בית ישראל. אבער דאס איז נאר א האלבער שם, דער שם י"ה, וואס איז מיט די צווייטע העלפט פונעם שם, די אותיות ו"ה, וואו איז דאס אין א יודישע שטוב.

**עס** שטייט פונעם **גר"א**, אז אזוי ווי א חתן גיט א כתובה פאר זיין ווייב, און כתובה איז 'כתב ו"ה', בשעת מען גיט א כתובה, ווערט נשלם דער ו"ה פונעם שם הוי"ה. און דער גר"א טייטשט, אז וועגן דעם, שטייט אין רש"י (בראשית כה-ו) ולבני הפילגשים האט אברהם געגעבן מתנות, פלגשם איז חסר יו"ד, דאס איז פלג-שם. ווייל נשים בכתובה, פלגש בלא כתובה (סנהדרין כא.), קומט אויס אז ביי א פלגש איז נישט דא קיין כתובה, און אז עס איז נישט דא קיין כתובה, איז דאך נישט דא קיין ו"ה. איז פלגשם פלג-שם, עס איז נאר דא דער האלבער שם, דער שם י"ה.

**כמדומה** לי אז איך האב געזעהן צוברענגען פונעם **זוהר הק'** (רע"מ צו לד., **לקוטי הש"ס להאריז"ל** יבמות סא:), אז די מצוה פון פריה ורביה איז דאך בן ובת, א זון מיט א טאכטער. דער בן ובת דאס איז דער ו"ה וואס עס ווערט נשלם דער שם הוי"ה. דער אייבערשטער העלפט, אז מען שטעלט אויף א ערליכע שטוב, ערליכע דורות, דאס איז דער שם יהו"ה.

**פונקט** ווי דער שם י"ה פון איש ואשה, איז נאר ווען עס איז זכו, אז מען פירט זיך ערליך. אז נישט זאגט די גמרא, איז אש אוכלתן, נעמט דער אייבערשטער צו די יו"ד מיט די ה"א. עס קען נישט זיין קיין רמז אין טאטע מאמע א י"ה, נאר ווען עס איז זכו. די זעלבע איז דער ו"ה וואס איז דא אין בן ובת, קען נישט זיין נאר אז מען פירט זיך ערליך. עס קען דאך נישט זיין בעסער ווי די י"ה אליין, וואס ווען עס איז לא זכו נעמט מען אוועק דעם י"ה, איז דאך ווען עס איז לא זכו, די זעלבע אין די ו"ה. קומט אויס, אז כדי עס זאל קענען זיין א יודישע שטוב, וואו עס זאל זיין דער שם הוי"ה, דארף זיין איש ואשה שזכו, דעמאלטס איז דא די י"ה, און עס דארף זיין אז דער בן ובת, זאל אויך זיין זכו, דעמאלטס ווערט נשלם דער שם.

**פאר** יעקב אבינו האט מתפלל געווען והיה ה' לי לאלקים, האט ער מתפלל געווען אזוי. אם יהיה אלקים עמדי, ושמרני בדרך הזה אשר אנכי הולך, אויף 'דרך' זאגט דאך די גמרא (קידושין ב:), אז דער זיווג פונעם מענטש ווערט אנגערופן 'דרך'. האט ער מתפלל געווען, אז דער אייבערשטער זאל זיין מיט מיר, ושמרני 'בדרך' הזה אשר אנכי הולך, דער באשעפער זאל מיר געבן שמירה אין דעם זיווג וואס איך דארף טון, ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש, דער באשעפער וועט מיר געבן פרנסה. ושבתי בשלום אל בית אבי, שרוי בלא אשה איז דאך שרוי בלא שלום (יבמות סב:), ווען דער אייבערשטער וועט העלפן אז איך וועל טרעפן מיין ריכטיגן זיווג, ושבתי בשלום אל בית אבי, איך וועל צוריק אהיימגיין מיט שלום. והיה ה' לי לאלקים, און דער אייבערשטער וועט מיר געבן דורות, וואס עס וועט זיין דער שם י"ה ו"ה, עס וועט זיין לי לאלקים, דעמאלטס האט ער גענומען אויף זיך, אז ער וועט באצאלן פארן אייבערשטען וואס ער האט צוגעזאגט, והאבן הזאת אשר שמתי מציבה, יהיה בית אלקים.

**אויף** דעם זאגט רש"י, אז די תפלה וואס ער האט געבעטן והיה ה' לי לאלקים, האט ער מתפלל געווען אויף די קינדער, שיחול שמו עלי מתחלה ועד סוף, אז יעדע קינד וואס איך האב, זאל דער אייבערשטער העלפן, שלא יהיה פסול בזרעי, עס זאל נישט זיין קיין פסול. ווייל אויב עס וועט זיין א פסול בזרעי, דעמאלטס קומט דאך אויס איז דאך נישט דא דער שם הוי"ה, איז והיה ה' לי לאלקים, שלא יהיה פסול בזרעי.

*

**עס** איז באמת א געוואלדיגע שמחה, מען קען עס נישט גענוג ארויסברענגען מיט ווערטער, אז דער אייבערשטער גיט די זכיה, מען שטעלט אויף א שטוב, מען זיצט ב"ה צוזאמען די משפחה אינאיינעם, ערליכע קינדער און אייניקלעך, מען פרובירט צו גיין על דרכי התורה והיראה. עס ווערט נשלם דער שם, אז מען פירט זיך ערליך, עס איז והיה ה' לי לאלקים, שיחול שמו עלי מתחלה ועד סוף.

**מען** דארף אסאך סייעתא דשמיא, אז דער באשעפער זאל געבן, שלא ימצא פסול בזרעי. מען פלאגט זיך מיט קינדער, מען טוט זיי ערציען, מען איז זיי מגדל, און זיי שטעלן אליין אויף שטובער נאכדעם, און עס זאל זיין ערליך אפגעהיטן על פי דרכי התורה, דאס קאסט אסאך תפלות, אויף דעם דארף מען שטענדיג מתפלל זיין! מען רעדט דאך שוין צו טאטעס, וואס שטעלן אויף אייגענע שטובער, מען דארף אסאך מתפלל זיין, אז מען זאל קענען מעמיד זיין ערליכע יודישע דורות, אין די שווערע זמנים וואס מען לעבט היינט, עס זאל נישט זיין קיין פסול, והיה ה' לי לאלקים.

**עס** איז אבער דא א נקודה, וואס עלטערן קענען צוטון דערצו, שלא ימצא פסול בזרעי, אז די קינדער זאלן זיין ערליך, אויסער די תפלות וואס מען האט פריער גערעדט, נאר ווי אזוי א שטוב פירט זיך. ווען א שטוב איז א רואיגע שטוב, א ערליכע שטוב, עס איז מיט א געוואלדיגע ליבשאפט וואס עלטערן געבן איבער פאר קינדער, דאס האלט קינדער אין שטוב, אז מען זאל נישט זוכן עפעס אין דער פרעמד, מען זאל נישט ארויסגיין אינדרויסן, מען זאל צוזאמלעבן צוזאמען. עס איז זייער אסאך תלוי אין די צוגעבינדענקייט וואס קינדער האבן צו עלטערן.

**אין** אונזערע צייטן [איך רעד פון א דור פריער, ביי א טייל איז עס שוין צוויי דורות פריער], מיר זענען געבוירען געווארן אין א דור נאכן קריג. די עלטערן האבן דאך אדורכגעמאכט יעדער איינער וואס ער איז אדורך. די צוגעבינדענקייט וואס איז געווען צווישן די עלטערן און די קינדער, איז געווען אין א געוואלדיגע מאס! מען האט גע'אטעמט צוזאמען, געלעבט צוזאמען, און עס האט אפילו נישט געקענט איינפאלן פאר א קינד, אפשר איז דא עפעס בעסערס ווי מיין טאטעס שטוב. עס איז אים ניטאמאל איינגעפאלן. אזוי ווייט איז געווען דער קשר, דאס צוגעבינדענקייט, וואס די קינדער האבן געהאט צו די עלטערן! די עלטערן האבן נאר געלעבט פאר די קינדער, זיי האבן נאר געלעבט ווי אזוי מען קען זיין נאנט מיט די קינדער, און וואס מען קען ארויסהעלפן פאר די קינדער, אזוי איז געווען דער מענטאליטעי"ט פון יענעם דור. און עס האט עושה פירות געווען! פון אונזער דור, פונעם ערשטן דור נאכן קריג, איז געווען זייער זעלטן אז מען האט געהערט אז א קינד האט איבערגעלאזט א שטוב. קודם כל האט ער נישט געהאט קיין סאך ווי צו גיין, אבער עס האט נישט געשמעקט אוועקצוגיין פון שטוב, די נאנטקייט און די ליבשאפט איז געווען, אזוי ווי צו א גוטן פריינד וואס מען קען נישט אוועקגיין.

**עס** איז היינט געווארן אן אנדערע וועלט, מען איז זייער פארנומען, מען איז טרוד געשעפטליך און אנדערע טירדות, קוים וואס מען האט צייט צו רעדן צו קינדער, קוים וואס מען האט צייט אויסצוהערן א קינד. דאס קינד זיצט אין חדר, דער טאטע איז א גאנצע וואך פארפלאגט, ווען עס קומט דער שבת האט מען אויך נישט קיין צייט. און עס פעלט דער קשר. איך זאג נישט איבעראל, רובא דרובא שטובער איז דא א קשר, און ווי שוואכער דער קשר איז, אלץ מער איז די שוועריקייטן שלא ימצא פסול בזרעי, אז מען זאל נישט אוועקיין.

**איך** רעד דאך אלץ טאטע צו קינדער [איך גיי זיך נישט אויפטון, נאר איך רעד דאך פון וואס מען קען מיך]. איך בין פארנומען, און מען האט נישט קיין סאך צייט, אבער באמת ווען א קינד קומט אריין אין שטוב, איך זאג עס פאר די אייניקלעך, אז אייביג ווען מען קומט אריין אין שטוב, איך האב די וועלטס צייט אויפצונעמען א קינד אין שטוב, רואיג. עס איז נישט דא קיין וויכטיגערע זאך, ווי צו געבן פאר א קינד זיין אטענש"ן. ער ווייסט ער האט א ליבשאפט אין די שטוב, און ער האט אהבה צו קומען אין די שטוב, און דאס ברענגט א נאנטקייט. און דער נאנטקייט דאס איז די נקודה וואס עלטערן קענען יא טון פאר קינדער! מען קען נישט באווארענען שלא ימצא פסול בזרעי, די גאס איז זייער שווער, אבער אז מען גיט ליבשאפט אין שטוב, אז די קינדער זאלן זיין וועלקא"ם, פיר און צוואנציג שעה אינעם טאג, ווען א קינד קומט אריין אין שטוב, האט מען צייט, דאס גיט דעם קשר און די נאנטקייט אז מען זאל זיך קענען האלטן. - שלא ימצא פסול בזרעי, איז נישט נאר עפעס א תפלה כלפי מעלה, וואס מען דארף מתפלל זיין, נאר מען דארף צוטון דערצו, אז עס זאל זיין ושבתי בשלום אל בית אבי, ווען מען קומט צו א בית אבי, זאל עס זיין בשלום, עס זאל זיין מיט א רואיגקייט, מיט א צופרידענהייט, דאס ברענגט צו נאכדעם והיה ה' לי לאלקים.

*

**מען** דארף געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, ב"ה אז מען זיצט ביי נאך א רינגעלע אין די קייט, משה יעקב קומט אריין אין די משפחה, דארף מען דאנקן דעם אייבערשטען, און געבן א שבח והודאה פארן באשעפער, אויף אלעם וואס דער אייבערשטער טוט מיטן מענטש שטענדיג, און כל שכן ווען עס איז א זמן פון שמחה. געווענליך ווען עס קומט אויס צו געבן א הודאה, איז דאך עס בתוך רבים אהללנו, מען רעדט דאך צווישן פרעמדע מענטשן, און צווישן פרעמדע מענטשן איז שווער ארויסצוגעבן די געפילען פון די הודאה. מען זיצט דאך דא אינאיינעם די משפחה, עס איז בתוך רבים אהללנו, איך געב אפ א שבח והודאה פארן רבונו של עולם, דער באשעפער האט מיר געגעבן די זכיה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, מען גייט על דרך ישראל סבא, מען גייט אויפן אלטן וועג, מען זוכט נישט קיין נייע דרכים, און מען פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין.

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין, אז ווען לאה האט א נאמען געגעבן איר קינד יהודה, האט זי געזאגט, הפעם אודה את ה' על כן קראה שמו יהודה (בראשית כט-לה). לאה האט געזאגט, איך גיי דאנקן דעם

אייבערשטען, איך האב באקומען יותר מחלקי. הפעם אודה את ה'? איז דען גענוג צו דאנקען דעם אייבערשטען איין מאל? רבונו של עולם, איך דאנק דיך אויף וואס דו האסט מיר געטון. איך וויל געבן די הודאה שטענדיג, על כן קראה שמו יהודה, האט זי גערופן דעם נאמען פונעם קינד יהודה, אויף די הודאה, אז ווען זי וועט רופן דאס קינד ביי דעם נאמען 'יודא'לע', וועט זי רעדן פון הודאה, און זי וועט דאנקן דעם אייבערשטן דערויף. - א יוד דארף שטענדיג דאנקן דעם רבונו של עולם, און דאס איז אודה ה' מאוד בפי, ובתוך רבים אהללנו.

**מען** זיצט ביי די אונטערשטע שבע ברכות, דער באשעפער זאל געבן שמחות ביי אונז אלע. דער חשוב'ער חתן קומט אריין אין זייער א חשוב'ע שטוב, אין א שטוב ווי ער וועט באקומען אסאך ליבשאפט. מען נעמט דיך אריין בתוך שמחה אין די שטוב. דער באשעפער זאל העלפן אי"ה אז דו זאלסט קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל. פארן חשוב'ן מחותן וויל איך וואונטשן, דער באשעפער זאל געבן שמחות און נחת ביי אלע קינדער. מיין חשוב'ער איידעם ר' יואל, שייף עייל שייף נפיק, ולא מחזיק טובא לנפשיה, הצנע לכת את אלקיך, ער פירט א שטוב אויף א שיינע באשיידענעם וועג. דער באשעפער זאל געבן, מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת ביי אלע קינדער, די שמחה זאל ברענגען אי"ה ווייטער'דיגע שמחות. וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, זאל מען זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר השבע ברכות חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **פנחס רייך** נ"ו, והחתן **זרח קליין** נ"ו, ורקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת וישב***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואד לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **מיכאל דוב שטרייכער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל מאשקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם פאונטע"ן באולרו"ם.

*

***יום שלישי פרשת וישב***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שמשון הלל כ"ץ** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ויהי** ה' את יוסף, ויהי איש מצליח, יוסף איז געווען אין מצרים, און דער אייבערשטער איז געווען צוזאמען מיט יוסף, און יוסף איז געווען א איש מצליח. אז עס איז ויהי ה' את יוסף, פארשטייט מען אז וואו דער אייבערשטער איז, דארט געפונט זיך אלעס, כי שם צוה ה' את הברכה, איז ער געווען א איש מצליח.

**עס** קען זיין, מען זיצט ביי א סעודת ברית מילה, מען וואונטשט אן כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. און די וועלט טייטשט, כשם, אזוי ווי דער נאמען וואס ער האט באקומען, מיט דעם נאמען וואס ער איז אריין לברית, אזוי זאל ער ווייטער ממשיך זיין. ביי יודען איז איינגעפירט אז מען גיט א נאמען פאר א קינד, אדער נאך איינע פון די עלטערן, און ארויף צו די זיידעס, אדער נאך א גוטען יוד. די סיבה דערפון איז, אויסער וואס נפש חיה הוא שמו (בראשית ב-יט), די חיות פונעם מענטש איז דער נאמען. כדי מען זאל קענען מחנך זיין ערליכע דורות, דארף מען שטענדיג זיין נזהר צו גיין בדרכי אבות. געדענקן ווי אזוי די עלטערן האבן זיך געפירט, און ממשיך זיין דעם וועג אויף שפעטער. אז מען גייט בדרכי אבות, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, ווייסט מען שטענדיג אז מען גליטשט נישט פונעם ריכטיגען וועג, ווייל אונזערע אבות זענען געווען ערליך, זיי האבן געפירט שיינע שטובער, און אז מען גייט בדרכי אבות איז מען שטענדיג אויפן ריכטיגען פלאץ. אם לא תדעו לך היפה בנשים, צאו לך בעקבי הצאן (שיר א-ח), מען דארף גיין אין דעם וועג וואס איז אויסגעטרעטן פון די עקבי הצאן. גיט מען אלץ א נאמען פאר א קינד, נאך די עלטערן, און נאך די זיידעס, אז ווען מען רופט דעם קינד מיטן נאמען,

זאל מען געדענקען שטענדיג פון וואו דאס קינד שטאמט. פון וואו 'ער' שטאמט, און פון וואו זיין 'קינד' שטאמט, כדי ער זאל קענען מגדל זיין דאס קינד אויף דעם זעלבן וועג. מען גיט א נאמען נאך א גוטען יוד, כדי מען זאל געדענקען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, דאס איז די סיבה וואס מען גיט א נאמען נאך משפחה. און דאס וואונטשט מען אן, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי ער איז אריין צום ברית מיט דעם נאמען, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מען זאל געדענקן שטענדיג דעם נאמען וואס מען האט אויף זיך, און אזוי זאל מען ווייטער ממשיך זיין אין עבודת ה'.

**יוסף** איז דאך אדורכגעגאנגען די נסיונות ווען ער איז געווען אין מצרים. ווי אזוי האט ער זיך געהאלטן? זאגט די גמרא (סוטה לו:), ער האט געהאט דמות דיוקנו של אביו, ער האט שטענדיג געהאלטן פאר זיך דעם דמות דיוקנו פונעם טאטן. איך בין א זון פון יעקב אבינו, איך קען זיך נישט פירן אזוי ווי דער גוי פירט זיך! און דאס האט אים צוריקגעהאלטן אז ער זאל נישט זינדיגן. אפילו ווען ער האט געהאט א נסיון, ער האט זיך דערמאנט דעם דמות דיוקנו של אביו, האט ער זיך צוריקגעהאלטן, און ער האט נישט געזינדיגט. יוסף האט שטענדיג געהאט פאר זיך די צורה פון יעקב אבינו, און אזוי האט ער זיך געקענט האלטן.

**ווען** מען רעכנט צוזאם די צוויי ווערטער, ה' מיט יוסף, יוסף איז הונדערט זעקס און פופציג, און ה' איז זעקס און צוואנציג, איז עס די מספר פון יעק"ב, הונדערט צוויי און אכציג. 'ויהי ה' את יוסף', דער ה' איז געווען צוזאמען מיט יוסף, די מספר פוןביידע איז דאך די מספר פון יעקב, שטענדיג האט ער געהאט פאר זיך די צורה פון יעקב, 'ויהי איש מצליח', דורך דעם האט ער זוכה געווען צו זיין א איש מצליח.

*

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל ש"ב **הגה"צ רבי חיים צבי עהרענרייך שליט"א** אב"ד שאמלויא, שישב שבעה על פטירת אשתו הרבנית ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **ישעיהו אליהו** ני"ו בן ש"ב הר"ר **יהודה קויפמאן** הי"ו (נכד הגה"צ רבי אלי' פאללאק מוואדקערט זצ"ל), עב"ג בת הר"ר **משה מאיר שאהנוואלד** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **ישעיה שלום** ני"ו בן הר"ר **אברהם שאמועל** הי"ו (חתן הרב שמואל באדאנסקי שליט"א), עב"ג בת הר"ר **חיים מאיר בערקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **דוד דוב בעריש מייזליש** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד אוהעל שליט"א), עב"ג בן הרב **משה יוסף דוב דייטש** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה.

*

***<u>יום רביעי פרשת וישב</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **אהרן מרדכי ליכטמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך אין די פרשה דערציילט די תורה דעם נסיון פון יוסף, וואס ער האט געהאט ווען ער איז געווען אין מצרים. און וואס ער האט געענטפערט פאר די אשת פוטיפר, הן אדוני לא ידע אתי מה בבית, וכל אשר יש לו נתן בידי, ער האט מיר אלעס איבערגעגעבן, ואיך אעשה הרעה הגדולה, וחטאתי לאלקים, און איך וועל זינדיגען פארן אייבערשטען (בראשית לט-ח). אויב עס איז דער פראבלעם אז וחטאתי לאלקים, איז דאך נישט קיין נפקא מינה צו דער אדון איז גוט, צו דער אדון איז שלעכט, דער עיקר איז וחטאתי לאלקים. אלא מאי וויל ער דאך מסביר זיין אז עס איז נישט מענטשליך, אן וחטאתי לאלקים. וואלט ער געדארפט ענדיגען, אז אזוי ווי עס איז וכל אשר יש לו נתן בידי, איך אעשה הרעה הגדולה הזאת, וחטאתי לאדוני. וואו קומט דער צושטעל וחטאתי לאלקים. ער איז איר מסביר, אז עס

איז נישט מענטשליך וואס דו בעטסט פון מיר, און ער ענדיגט אז ער וועט זינדיגען פארן אייבערשטען.

**מען** זעהט אז כאטש יוסף איז געווען אין מצרים, התחלת הגלות האט זיך אנגעפאנגען ביי יוסף, פון דעסטוועגן דאך האט אים גארנישט געפעלט אין מצרים. די גאנצע צייט וואס ער איז געווען ביי זיין אדון אין שטוב, האט ער נושא חן געווען, ער האט אים אלעס איבערגעגעבן, ער קען טון וואס ער וויל. ווען ער איז געקומען אין בית האסורים, צום שר בית הסוהר, האט ער נושא חן געווען, און ער האט אים אלעס איבערגעגעבן אין זיין האנט. וואס איז דער טעם. אז עס קומט זיך אים גלות, ווי אזוי האבן זיך די צוויי זאכען אויסגעארבעט.

**נאר** די משנה (אבות ג-ה) זאגט, המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה, נעמט מען פון אים אראפ עול מלכות, און עול דרך ארץ. דו האסט גענומען איין עול אויף דיר, פון תורה. מאכט דער אייבערשטער גרינגער, אינעם גשמיות'דיגען חלק. עס קען זיין א טעם דערין, פארוואס עס איז מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. ווייל די גמרא (ברכות ה.) זאגט, אז יסורים ווערן אנגערופן ברית, נאמר ברית ביסורין. תורה ווערט אויך אנגערופן ברית, ווען איינער איז מקבל אויף זיך ברית תורה, נעמט מען אראפ פון דעם צווייטען ברית, פון יסורין. המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ.

**די** זעלבע קען זיין, אזוי ווי ביי תורה זאגט מען, אז ברית פון תורה נעמט אוועק ברית פון יסורין, איז דאך ברית מילה וואס ווערט אוודאי אנגערופן 'ברית', איז ווען א מענטש פירט זיך ערליך אין די קדושה פון ברית מילה, באצאלט אים אויך דער אייבערשטער, אז ער נעמט פון אים אראפ דעם ברית פון יסורין.

**יוסף** איז דאך געווען מופלג בקדושה, און אזוי ווי ער איז געווען מופלג בקדושה, האט ער נישט געדארפט אדורכגיין יסורין. דער אייבערשטער האט עס אראפגענומען. דו האסט די ברית פון מילה, נעם איך אוועק די ברית פון יסורין. קיין מצרים האט ער געדארפט אראפגיין ווייל ער האט געדארפט צוגרייטן דעם גלות אויף שפעטער, אבער נישט אז עס זאל אים זיין שווער אין מצרים. איז די גאנצע צייט האט ער נישט געהאט קיין שום פראבלעמען, נישט מיט זיין אדון, נישט מיט די בית האסורים, און נישט מיט אלע וואס זענען געזעסן דארט.

**דאס** איז אלץ גוט, ווילאנג ער האלט זיך בקדושה, אבער אויב ער וועט זיך נישט האלטן בקדושה, וועט אים אוועקפאלען דאס אז עס זאל אים זיין אזוי גוט ביי זיין אדון אין שטוב, ווייל אז דו האסט נישט קיין ברית פון מילה, דארפסטו האבן ברית פון יסורין. האט ער אזוי געזאגט. קוק ווי גוט עס גייט מיר, הן אדוני לא ידע אתי מה בבית, וכל אשר יש לו נתן בידי, אלעס האט ער מיר איבערגעגעבן. ואיך אעשה הרעה הגדולה, ווי אזוי קען איך טון דעם רעה, וחטאתי לאלקים. די גאנצע זאך פארוואס דער אייבערשטער פירט זיך מיט מיר אזוי, ער לאזט מיר אלעס דא אז עס זאל גיין אויפן גוטע וועג, איז דאך נאר ווייל איך האב נישט געזינדיגט. אבער טאמער איך וועל טון דעם רעה הגדולה הזאת, וחטאתי לאלקים, וועט ער דאך אוודאי אוועקנעמען די מעלה וואס איך האב, אז איך האב נישט קיין יסורים, בשעת איך בין אין מצרים.

**על** כל פנים ווען א יוד איז מקבל אויף זיך, ער ברענגט אריין זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, דאס איז דער ריכטיגער ברית, ברית מילה, נעמט עס אוועק ברית פון יסורין, עס נעמט אוועק אלע אנדערע זאכען וואס א מענטש דארף אפקומען. ווען מען איז מקבל אויף זיך די קדושה, נעמט עס אוועק אנדערע ענינים.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **שלמה יעקב ווערצבערגער** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **אלימלך ראאב** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **ישעי' בויער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם דניאל לעבאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם אנשי ספרד. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אליעזר זוסיא קיש** הי"ו, שהתקיים באולם באיאן.

*

***<u>יום חמישי פרשת וישב</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אליעזר זוסיא קיש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבנין החדש של ישיבה גדולה, וסייר בהיכל הישיבה יחד עם הנגידים החשובים ה"ה הר"ר **מענדל שטיינער** הי"ו, והר"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו, שנדבו סכום עצום לבנין החדש. **רבינו שליט"א** סייר עם הנדיבים בהיכל הבית המדרש, ובמקוה טהרה, ובבנין הדארמיטארי.

אחר כך הציע **רבינו שליט"א** להנדיבים שיחי', שיבואו לראות המחזה הנהדר בהיכל הישיבה גדולה בקאנארסי שלומדים שם בהתמדה רבה, **ורבינו שליט"א** עם הנדיבים נסעו לבנין הזמני של הישיבה גדולה בקאנארסי. **רבינו שליט"א** עמד בפתח הבית המדרש, ביחד עם הנדיבים שיחי', והביע התפעלותו על התמדת הלימוד בריתחא דאורייתא בליעה"ר.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>שבת קודש פרשת וישב</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. וסיפר כמה סיפורים מהרה"ק **בעל באר מים חיים זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ז"ך כסלו). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **משה יעקב האפמאנן** הי"ו. **רבינו שליט"א** עלה מפטיר וירד לפני התיבה לתפלת מוסף. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **זרח קליין** הי"ו, חתן הר"ר **אברהם יהודא האפמאן** הי"ו.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת מלוה מלכה ביחד עם 'חבורת הבחורים' דקהלתנו הק' בוומסב"ג, שנערכה בהפאליש של בית מדרשנו. אחר הזמירות השמיע **הרה"ג רבי אהרן כ"ץ שליט"א אב"ד** תולדות אהרן וומסב"ג, דברי הכנה לימי החנוכה, וזכרונות מזקינו **כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל** (לרגל היומא דהילולא ביום ז"ך כסלו).

אחר המלוה מלכה השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי יוסף יעקב ניישלאס שליט"א** (בן **הרה"ג אב"ד** ברעזנא שליט"א, חתן כ"ק האדמו"ר מגאלאנטא שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי לוי יצחק ברוינשטיין שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש גאלאנטא.